# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א• פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ד – כי תבא תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתרמד) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אפרים פישל פריעדמאן ע"ה הכ"מ

ווען ער איז געווען א קינד, האָט זיין פאָטער הרה"ח ר' ארון ז"ל אים געזאָגט א משל, אַז א סאָלדאַט וואָס דינט אין מיליטער, ווייסט אַליינס נישט וואָס צו טון. ער גייט נאָך געהארכזאם און פאלגזאם נאָכ'ן גענעראַל, וואָס אַזוי פירט ער דורך אַלעס וואָס ער דאַרף טון.

דאָס זעלבע - האָט ער געזאָגט - איז יעדער איד א סאָלדאַט, און מ'דאַרף נאָכגיין נאָך די פיס טריט פון די צדיקי הדור.

זיין טאַטע האָט אים דאַן אויסגעלערנט, אַז יעדן טאָג פאַר'ן דאַווענען און פאר מ'טוט א מצוה זאָל ער זאָגן אַז ער טוט דאָס "על דעת רבינו יואל בן חנה" און ער זאָל אַרויסזאגן דעם גאַנצן סדר הקבלה, דער רבי זי"ע האָט מקבל געווען פון אביו הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע, וואָס ער האָט מקבל געווען פון זיין טאַטן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע, א. א. וו. הגה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע, אביו הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, רבו הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, רבו הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע, רבו הרה"ק אור שבעת הימים רבינו הבעל שם טוב הק' זי"ע.

ווי דער זיידע האט דערציילט איז געווען פקודתו שמרה רוחו, און במשך אלע יארן עד סוף ימיו האט ער געזאָגט יעדן טאָג פאַר'ן זיך טובל'ן אין די מקוה, אַז אַלעס וואָס ער טוט איז על דעתו פונעם רבי'ן זי"ע ולמבע"ק. (שמשון הלוי רובינפעלד)

תתתתרמה) עס האט מיר דערציילט

## הרה"ג ר' יעקב לוסטיג שליט"א

**מ. רב ביהמ"ד כנסת ישראל סיניסינעטי אהייא**

מיין זיידע הרה"ח ר' סענדר לוסטיג ע"ה איז געווען א תלמיד פונעם קדושת יו"ט זי"ע.

עס איז געווען אמאל ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע - נאך זייענדיג רב אין קראלי - איז געפארן אינמיטן ווינטער פון קאלוב קיין דעברעצין, דער וועטער איז געווען זייער שווער, און די וועגן זענען געווען אנגעלייגט מיט שניי, אזוי אז די גבאים האבן געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז נישט כדאי צו פארן אין אזא וועטער. אבער דער רבי האט יא געוואלט פארן, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

אונטערוועגנס איז די קאר געבליבן שטעקן אין די שניי, און מ'האט דאס נישט געקענט פארעכטן, און דער רבי איז געזעסן אין די קאר אין די ביטערע פרעסטן.

ווען די גבאים האבן געזעהן דעם מצב האבן זיי זיך אומגעקוקט און זיי האבן געזעהן פונדערווייטנס א אידישע הויז זענען זיי אהינגעגאנגען, און אנגעקלאפט, דאס איז געווען די הויז פון מיין זיידן ר' סענדר וועלכער האט געהאט א גאסט-הויז על אם הדרך.

ווען זיי האבן אים דערציילט אז דער רבי איז דא געבליבן שטעקן אינמיטן וועג, האט מיין זיידע דערציילט אז ער איז שוין געשלאפן און ער האט געזעהן אין חלום זיין רבי'ן דער קדושת יו"ט זי"ע וועלכער האט אים געזאגט "דו שלאפסט אזוי באקוועם, און מיין יואל'יש גייט אויס פאר קעלט?!"...

ער האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, און ער איז ארויסגעקומען קוקן אויפן גאס צי עפעס גייט פאר, און ווען ער האט גארנישט געזעהן האט ער זיך צוריק געלייגט. אבער ער האט נאכאמאל געהאט דעם זעלבן חלום, ווי זיין רבי לאזט אים נישט שלאפן. אזוי איז געווען דריי מאל, ווען ער האט געזעהן אז ער וועט סייווי נישט קענען שלאפן, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער האט צו טוהן, האט ער מחליט געווען זיך צו זעצן לערנען קדושת יו"ט. און ווי נאר ער האט ארויס גענומען דעם ספר פון שאנק האבן דעם רבי'נס גבאים אריין געקלאפט צו אים אין שטוב. (ח.מ.ג.)

תתתתרמו) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען איינער פון זיינע קינדער האט פלוצלונג אויפגעהערט צו רעדן ל"ע, און מ'האט נישט געקענט דערגיין דעם מקור פון די מחלה.

אין יענע יארן איז דאס ביהמ"ד געווען אונטער די חדר וואו ער איז געווען מלמד, און דעמאלטס האט באזוכט אין מאנטריאל הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל דעמאלטסדיגער ראב"ד פון ירושלים עיה"ק, און ער פלעגט זיצן אין ביהמ"ד אנגעטון מיט טלית ותפילין ביז שפעט אויפן טאג. איז ער אראפ געגאנגען אין ביהמ"ד און מזכיר געווען דאס קינד פארן ראש בי"ד.

רבי משה ארי' זצ"ל מיט זיין גרויס ענוות האט זיך אנגערופן "וואס ווילט איר פון מיר? וואס קען איך אייך העלפן?", האט דער זיידע זיך נישט פארלוירן און געזאגט "איך בעט נאר עטליכע קאפיטלעך תהילים".

דער ירושלים'ער רב האט מסכים געווען, ער האט גענומען א תהילים'ל, און געזאגט עטליכע קאפיטלעך, און דאס קינד האט באלד געהאט א ישועה און ווייטער גערעדט כאחד האדם.. (חיים מרדכי געלב)

תתתתרמז) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יחזקאל יואל סאמעט הי"ו

איך האב ב"ה זוכה געווען במשך לאנגע יארן צו האבן א טייל אינעם התייסדות און אנפירן דעם הייליגן מוסד "עת לעשות", וואס עד היום הזה העלפט דער מוסד ארויס פאר אידישע קינדער מיט פארשידענע פראבלעמען וואס דארפן צוקומען צו איר.

דער מוסד באשטייט אויך פון רעגירונגס פראגראמען, וואס העלפן צו די טאג טעגליכע אקטיוויטעטן. אין איינע פון די טעג האבן מיר באקומען א מעלדונג פון די רעגירונג אז זיי ווילן אראפ קומען מאכן אן "אודיט", דאס מיינט א גענויע אונטערזיכונג אויפן גאנצן מהלך פונעם מוסד. איבער קוקן אלע ביכער און קאנטראלירן אלע הוצאות והכנסות פון די פארגאנגענע יארן.

אזוי ווי מיר זענען נישט געווען מסודר מיט די ביכער אויף יעדן ריר, האבן מיר זייער מורא געהאט פון דעם 'אודיט', ווייל מיר האבן געוואוסט אז זיי זענען זייער שטרענג, און זיי זענען נישט מוותר אויף קיין קלייניגקייט, און מיר זענען ממש געווען פארצווייפלט נישט וואוסנדיג וואס עס וועט דא ווייטער זיין.

האב איך געזאגט פאר מיין שותף "פאר אלעם לאמיר געבן טויזנט דאללער פאר מוסדות יטב לב בארה"ק".

איך האב אנגערופן אין אפיס פון מוסדות יטב לב און איך האב איבער געגעבן אז איך וויל מנדב זיין טויזנט דאללער פאר די מוסדות אז עס זאל זיין לזכות פון דעם ענין.

אין יענע מינוט וואס איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, האבן מיר באקומען א טעלעפאן קאל פון די רעגירונג וואס האט אונז איבער געגעבן אז זיי האבן זיך בארעכנט אז דער 'אודיט' איז נישט אזוי וויכטיג, און זיי וועלן נישט קומען... (יוסף אלי' סאמעט, אליעזר מאיר סאמעט - יצחק ווידער)

תתתתרמח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' מרדכי הערשקאוויטש הי"ו

איינמאל ווען איך האב געמאכט א וואכנאכט פאר איינעם פון די קינדער שיחי', דעמאלטס האב איך נאך געוואוינט אין ירושלים, און יענע נאכט איז געווען א גרויסן רעגן.

דער ראש ישיבה **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים** (די יארצייט איז כ' אלול) איז אריבער געקומען צום וואכנאכט אין באגלייטונג פון איינעם פון זיינע תלמידים.

אין ירושלים זענען די הייזער געבויעט פון גרויסע שטיינער און נישט מיט קיין האלץ און נעגל, ממילא האט זיך דער באגלייטער פונעם רב אנגערופן "וויפיל טראפן וואסער אויפן דאך, אזויפיל מלאכים אויף די וואך".

האט זיך דער רב אנגערופן "מ'זאגט אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען אינדערהיים פון אונזערע עלטערן, און מ'איז נישט משנה, ממילא דארף מען דא אויך זאגן "וויפיל נעגל אויפן דאך, אזויפיל מלאכים אויף די וואך". (חיים יחזקאל הערשקאוויטש, טובי' שמעי' הערשקאוויטש, יושע הערשקאוויטש, חיים שמעון וויינבערגער)

תתתתרמט) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ הי"ו

ווען מיר האבן געוואוינט אין סאטמאר פאר די קריג איז געווען דער ראה"ק מו"ה דוד יושע גראס ע"ה, ער איז געווען א גרויסער עושר, און ער האט געהאט א לעדער פאבריק בשותפות מיט א דייטשן גוי פון עסטרייך. דער בוכהאלטער פונעם געשעפט איז געווען א פעטער פונעם גוי מיטן נאמען סארוואציוס, וואס פלעגט יעדע שטיק צייט קומען פון עסטרייך מאכן די חשבונות און זעהן אז אלעס זאל שטימען.

ר' דוד יושע ע"ה איז געווען א נאנטער ידיד מיט מיין טאטן ר' אברהם יצחק ע"ה, בשנת תרצ"ט האט זיך אנגעהויבן די צרות פאר די אידן אין אונגארן, ר' דוד יושע האט זיך דעמאלטס געמוזט אפטיילן פון זיין גוי'אישן שותף צוליב די גזירות, און נאך איידער היטלער ימ"ש איז אריינגעקומען קיין רומעניען האט ער פארקויפט זיין פארמעגן און ער איז ארויף קיין ארץ ישראל. (ער האט זיך דארט משדך געווען מיט הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקיא זצוק"ל גאב"ד ירושלים, ווען בנו יחידו כ"ק הגה"צ מהרי"ם דושינסקיא זצ"ל גאב"ד ירושלים, איז געווארן זיין איידעם).

נאך די מלחמה ווען איך בין אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האב איך געטראפן ר' דוד יושע ע"ה, דערציילט ער מיר א מעשה פלא אז אינמיטן די מלחמה האט ער באקומען א בריוו פון זיין גוי'אישן שותף, אז ער איז געווארן א איינגעשטעלטער ביי די נאציס, און ער האט אין זיינע מעגליכקייטן צו ראטעווען אידן, און אויב מ'וועט שיקן קאווע פאר די דייטשע מיליטער, מיט נאך עטליכע טראקס וועט ער ראטעווען 120 אידן פון טויט.

ווען ר' דוד יושע האט באקומען דעם בריוו איז ער אריבער צום אפיס פון די ציוני'סטישע "סוכנות" און זיי געוויזן דעם בריוו. זיי האבן געקוקט דעם בריוו און אים געהייסן צוריק קומען מארגן.

די ציונים ימ"ש האבן נישט געוואלט בשום אופן ראטעווען אידן, אדרבא זיי האבן דעמאלטס געטון אלעס וואס מעגליך אז די אידן זאלן גע'הרג'עט ווערן, ווייל דאס איז געווען פאר זייערע אינטערעסן, נאר אין יענע יארן האט דאס נאך קיינער נישט געוואוסט, און פאר ר' דוד יושע איז נישט איינגעפאלן אז ער האט דא צוטון מיט אידישע רשעים, וואס זענען נישט קיין קלענערע רוצחים פון די נאציס.

יענעם טאג זענען זיי געגאנגען צו די ענגלישע רעגירונג, וואס זיי זענען דעמאלטס געווען די מושלים אויף ארץ ישראל און איינגעגעבן א מסירה אז ר' דוד יושע מאכט ביזנעס מיט די דייטשע נאציס...

די ענגלישע פאליציי איז אריבערגעקומען צו ר' דוד יושע און אים ארעסטירט און אויסגעפארשט וואס פארא געשעפטן ער האט מיט די נאציס, און ער האט דערציילט דעם אמת, אז ער האט באקומען אזא בריוו, און ער האט נאר געוואלט פרובירן צו ראטעווען 120 אידן, און גארנישט מער. צום סוף האבן זיי אים ארויסגעלאזט, אבער פארשטייט זיך אז פון די גאנצע זאך איז גארנישט געווארן. ע"כ וואס ר' דוד יושע האט מיר דערציילט.

מיט יארן שפעטער האבן די ציונים ימ"ש געכאפט דעם רוצח אייכמאן ימ"ש, און אים געשטעלט פאר א פראצעס, און אים פאר'משפט צום טויט, זיי האבן אים געגעבן די רעכט צו נעמען א לויער, און דער לויער איז געווען דער בוכהאלטער סארוואציוס, דער פעטער פון דעם גוי'אישן שותף.

איינמאל ביי איינע פון די געריכטן איז ר' דוד יושע געגאנגען זעהן דעם פראצעס, און דער לויער האט אים געקענט, איז ער צוגעקומען צו אים און ער האט אים געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיט אים כדי עפעס צו שמועסן מיט אים.

ווען זיי האבן זיך באגעגענט האט אים יענער לויער געזאגט, אז ער פארלאנגט נישט פון אים אז ער זאל קומען זיך אננעמען פאר אייכמאן אין געריכט, נאר די איינע זאך וויל ער אים בעטן אז ביי די קומענדיגע סעסיע אין געריכט זאל ער קומען און דערציילן די מעשה, ווי אזוי ער האט געוואלט ראטעווען 120 אידן און די ציונים האבן דאס געשטערט, און ר' דוד יושע האט מסכים געווען דערצו.

למעשה האט די ציוני'סטישע ש.ב. אגענטור געהאלטן אן אויג אויף דעם לויער, און זיי האבן געלאקערט נאך יעדן מענטש מיט וועמען ער האט גערעדט, האבן זיי שוין אונטערגעהערט דעם געשפרעך צווישן אים מיט ר' דוד יושע. זענען זיי געגאנגען צום טשעבינער רב ז"ל און אים געווארנט אז אויב ר' דוד יושע וועט אויפטרעטן אין געריכט, וועלן זיי דאס נישט פארשווייגן און עס קען קאסטן קרבנות ח"ו. האט אים דער טשעבינער רב געלאזט רופן און אים געבעטן נישט צו גיין אין געריכט. (שמעון מערץ, יואל זוסמאן ג"ב, יוסף גאלדבערגער)

תתתתרנ) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

ביי איינע פון די טישן חול המועד סוכות ביי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, בשעת ווען עס זענען געזעסן ביים טיש מערערע רבנים גאונים וצדיקים ז"ל פון פריערדיגן דור, און מען האט גערעדט איבער די ענינים העומדים על הפרק אין ארה"ק, האט זיך געמאכט די טעמע איבערדעם 'חינוך העצמאי' וואס די אגודה האט זיך אויפגעטון אז זיי האבן געמאכט א ציוני'סטיש געשטיצטן חינוך על טהרת הקודש.

בתוך הדברים האט זיך דער רבי אנגערופן "הכי קרא שמו חינוך העצמאי, עס איז טאקע זעלבסט שטענדיג, עס האט נישט קיין שייכות צום רבונו של עולם, פונקט ווי זיי האבן געמאכט דעם יום העצמאות וואס דאס מיינט די זעלבע כוונה אז די ציונים האלטן זיך זעלבסט שטענדיג אן קיין שום שייכות און אפהענגיגקייט אינעם רבונו של עולם". (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

תתתתרנא) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' חיים יוסף ארי' ווערצבערגער שליט"א אב"ד הוניאד

דאס ידידות וואס האט געהערשט צווישן ש"ב כ"ק הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים מיט כ"ק מרן הגה"ק בעל ברך משה זי"ע איז געווען מן המפורסמות שאינן צריכים לראי'. באזונדער איז געווען מערקווירדיג ווי דער ירושלים'ער רב - וועלכער איז געווען היבש עלטער פונעם רבי'ן - האט זיך מכניע געווען פארן רבי'ן מיט אן התבטלות עד אין לשער.

ווען איך בין אמאל געווען אין ארה"ק, איידער איך בין אהיימגעפארן בין איך אריין זיך געזעגענען מיטן ירושלים'ער רב, האב איך געפרעגט צי איך זאל איבערגעבן א גריס פארן רבי'ן, האט דער ירושלים'ער רב געענטפערט "ניין, ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט אז א זעיר זאל נישט פורס זיין בשלום פון א גברא רבא".

(עי' ביאור הגר"א יו"ר סי' רמ"ב סעי' ט"ז אות ל"ט) (קלונימוס אליעזר הלוי ווערצבערגער, משה זאב ווערצבערגער)

תתתתרנב) עס דערציילט אונזער באבע ע"ה אשת

## הרה"ח ר' רפאל בנימין הכהן כ"ץ ע"ה

זי איז געווען א גרויסע בעלת חסד, און זי האט כסדר אינזינען געהאט צו טון פאר אנדערע מענטשן, און זיי מזכה זיין מיט מצות און אלעס וואס זאל זיי ברענגען שמחה.

ווען זי איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן האט זי געהערט אז עס איז דא א פרוי וואס איז נישט געזונט און זי קען נישט אראפגיין פון בעט, האט זי פארקנעטן א טייג און מיט אירע שוואכע כוחות האט זי זיך אראפגעשלעפט דריי שטארק מיטן שיסל טייג ביז צו די דירה פון יענע פרוי און איר מכבד געווען צו נעמען חלה...

איבריג צו זאגן ווי דאס האט אויפגעלעבט די קראנקע פרוי, און איר מחיה געווען מער ווי אלעס. (יודא פארגעס, יואל עקשטיין, משה פעלדמאן, שלמה מנשה בר"מ פאלקאוויטש, אפרים יואל פארגעס, שלמה מנשה בר"י פאלקאוויטש, שלמה מנשה ביטמאן, יודא הורוויץ, יצחק ברז"ל פאלקאוויטש, יעקב בר"ל פאלקאוויטש, יעקב ביטמאן, חיים בערקאוויטש, מרדכי יודא ביטמאן, דוד יודא האלפערט, דוד יודא פעלדמאן, יואל משה האלפערט, נפתלי צבי האלפערט)